NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12254

DER FREMDER

Mani-Leib

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

I דער פרעמדער
II דער שלאָף

MICROFORM
1/12284

דער פרעמדער

אין דער פרעמדער שלאפט נאך ניט. . . און מיט וואקלענדיגע טריט . . .

קאַלט אין פֿינסטער איז די נאַכט.
טיר אין טײער צוגעמאַכט,

פֿענסטער בלינדע אָהן אַ שײַן
שטאַרען אין דער נאַכט אַרײַן.

קאַלט אין פֿינסטער, קאַלט אין שפּעט,
שלאָפֿט זיך יעדער אין זײַן בעט.

שלאָפֿען שלאָפֿט נאָר ניט דער ווינט
און די בילענדיגע הינט,

און דער פֿרעמדער שלאָפֿט נאָך ניט, —
און מיט וואַקלענדיגע טריט

און אין שמאַטעס שטיק אויף שטיק,
און פֿאַרגאַרטעלט מיט אַ שטריק,

דער פּרעמדער

מיט אַ טאָרבע אויף די הענט,
שאַרט ער האַרט זיך ביי די װענט.

זעהט ער װייט אַ פּאַלאַץ שטעהן,
לאָזט ער זיך צום פּאַלאַץ געהן.

ביז עס קרעהט דער ערשטער האָהן,
קלאַפּט ער אין דעם פּאַלאַץ אָן:

סטוק סטוק סטוק — װער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענשען, עפענט מיר!

איך בין עלענד אויף דער װעלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...

סטוק סטוק... — פּרעמדער, געה אַװעק,
אונזער קליינעם קינד ניט װעק,

זאָט און װאַרעם אין ליו-ליו
שלאָפט זיך אונזער קינד אין רוה...

— פרעמדער, פרעמדער, קום אַריין, וועסט מיין גוטער אורח זיין.

דער פּרעמדער

בויגט דער פרעמדער איין דעם קאפ,
קעהרט זיך פון דעם פּלאַץ אפ.

זעהט ער ווייט א שטיבעל שטעהן,
לאזט ער זיך צום שטיבעל געהן.

ביז עס קרעהט דער ערשטער האהן,
קלאפט ער אין דעם שטיבעל אן:

סטוק סטוק סטוק — ווער קלאפט אין טיר?
— גוטע מענשען, עפענט מיר!

איך בין עלענד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...

און דער פרעמדער ווארט ניט פיעל,
אימיין שארט זיך אין דער שטיל

ביי דער טיר און ביי דעם שלאס.
קומט ארויס דער באלאבאס:

דער פּרעמדער

— פּרעמדער, פּרעמדער, קום אַריין,
וועסט מיין גוטער אורח זיין.

און דער פּרעמדער בויגט זיך איין,
קריכט אין שטיבעל קוים אַריין.

קומט אַריין און אָטעמט שווער,
קוקט אַהין און קוקט אַהער,

און ער זאָגט אַרויסעט גלייך:
— נו, אַ פינסטערניש ביי אייך!

ענטפערט איהם דער באַלאַבאָס:
— קויפען נאַפט ניטאָ פאַר וואָס.

— וו־וו־וואו, און איז ביי אייך דאָ קאַלט,
ממש ווי אין מיטען וואַלד.

ענטפערט איהם דער באַלאַבאָס:
— קויפען האָלץ ניטאָ פאַר וואָס.

— און אָהן כחות ליעגט עס שטיל איצטער אויפ'ן הארטען דיל. . . .

דער פרעמדער

— הייסט עס, ס'איז ניט פרעהלאך דא.
און קיין ברויט איז אויך ניטא?

ענטפערט איהם דער באלאבאס:
— קייפען ברויט ניטא פאר וואס.

אך און וועה צו מיינע זינד,
אז מיין הונגעריגעס קינד

האט געוויינט פארשמאכטערהייט:
„מאמע, גיב א שטיקעל ברויט!"

און אהן כחות ליעגט עס שטיל
איצטער אויפ'ן הארטען דיל...

קראצט דער פרעמדער זיך דעם קאפ,
לאזט זיך אויפ'ן דיל אראפ,

שפרייט זיין אלטע טארבע אויף,
און ער זאגט אזוי ארויס:

דער פרעמדער

— אַז כ'איז פינצטער דאָ און קאַלט
ממש ווי אין מיטן וואַלד,

אַז קיין ברויט איז אויך ניטאָ,
לעג איך מיר זיך אָט־אָ־דאָ...

איז ווי נאָר ער זאָגט אַזוי,
טוט דער ערשטער האָהן אַ קרעה.

ווי עס קרעהט אַזוי דער האָהן,
צינדט די לאָמפּ אַליין־זיך אָן,

און דער אויווען, גוט און פיין,
הייצט מיט האָלץ אַליין זיך איין,

און עס ווערט אַליין דער טיש
פול מיט טעלער פלייש און פיש

און מיט חלות און מיט ברויט,
ווי איך יום־טוב צוגעגרייט.



— אַי, אַי נסים. אָדער וואָס? — טראַכט ביי זיך דער באַלאַבאָס.

דער פרעמדער

און דער פרעמדער — אַט געווען,
אַט געווען און אַט געזעהן —

פלוצלונג טוט אַ זאָג, און לאַכט:
— באַלאַבאַס, אַ גוטע נאַכט!

און ער פליהט ווי ער איז גרוים
דורך אַ שפּאַלט פון טיר אַרויס.

— אַי, אַי נסים, אַדער וואָס?
טראַכט ביי זיך דער באַלאַבאַס.

נאַר ער זעהט: דער אויוון ברענט,
און דער לאָמפּ באַלייכט די ווענט,

און דער טיש אַ פולער שטעהט
מיט מאכלים צוגעגרייט.

טראַכט דער באַלאַבאַס ניט פיעל,
הויבט ער אויף דעם קינד פון דיל,

דער פּרעמדער

וואַשען זיי זיך עסען פרום,
זעצען זיך ביים טיש אַרום.

עסען זיי און לויבען גאָט
פאַר זיין חסד און גענאָד.

און אין דרויסען פייפט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ וויינט דאָס קינד.

לויפט מען איבער פּאַלאַץ אום,
און מען זוכט א לאָמפּ אַרום.

זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קיין לאָמפּ איז אַלין ניטאָ.

און אַלין שטאַרקער וויינט דאָס קינד,
און אין דרויסען פייפט דער ווינד,

און אין דרויסען פייפט דער ווינד,
און עס בילען בייז די הינט.



— לויפט מען איבער פאַלאַין אים, און מען זוכט אַ לאַמפּ אַרום.

דער פרעמדער

נאָר דעם פרעמדן אַרט עס ניט.
און מיט וואַקלענדיגע טריט,

מיט דער טאַָרבע אויף די הענט,
שאַרט ער האַרט זיך בײַ די ווענט,

שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק
אין דער נאַכט, אין ווייטן וועג.


דער שלאָף



. . . ניט געזעהען, און ניט געהערט, קומט דער אָווענד שטיל ארויס. . . .

איינס, צוויי, דריי פיער, —
קינדער קלאפען אין מיין טיר.

— קינדער גוטע קומט אריין,
ווערט איהר גוטע געסט דא זיין.

און ביי מיר אין קליינעם הויז
אין א רעדעל זעצט זיך אויס.

זיצט און שווייגט און ביזקעל סוף
הערט א מעשה'לע פון שלאף: —

אז דער ליעבער טאג פארגעהט,
און אין מערב זייט ווערט רויט,

און די זון אין פייער פלאם
שלאפען געהט אין ווייטען ים —

דער שלאָף

דעמאָלט, ערגעין פון דער ערד
ניט געזעהן, און ניט געהערט,

קומט דער אַוועגד שטיל אַרויס,
און געהט אום גאַס איין, גאַס אויס.

איז נאָר ווי און וואו ער געהט
ווערט אַ פינסטערניש פאַרשפּרייט.

און אַז קינדער גאָר נאָך קליין
שרעקען זיך צו זיין אַליין,

— און מען זעהט ניט וואָס צו טאָן —
צינדט מען באַלד די לאָמפּען אָן.

לייכט אַ לאָמפּ אין יעדען הויז.
זעצען זיך די קינדער אויס

אַרום טיש, און ריידען ניט,
עסען, טרינקען וואָס מען גיט.



— — — — — — — — — — עסען טרינקען וואס מען גיט,
און א זייגער אויף דער וואנט צעהלט זיך טיק־טאק נאכאנאנד.

דער שלאָף

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
צעהלט זיך טיקטאַק נאָכאַנאַנד.

און אַז קינדער עסן נאָך —
מאַכט דער שלאָף דערהויל אַ לאָך

ערגעץ אונטער בעט אין דיל,
שאַרט פון לאָך זיך שטיל, שטיל, שטיל.

זעהט ער, קינדער עסן נאָך —
קריך צוריק אַריין אין לאָך.

זעהט ער, קינדער עסן אָפּ,
עסן אָפּ, און טרינקען אָפּ,

קריכט דער שלאָף פון לאָך אַרויס,
שאַרט זיך ביי די ווענט פון הויז,

קריכט אין שיין פון לאָמפּ אַריין,
רוימט פון שיין צו מאַמעס איין:

דער שלאָף

„האָט איהר קינדער קליין און שעהן,
איז שוין צייט זיי שלאָפען געהן.“

זעהען מאַמעס אַז ס'איז שפּעט.
נעהמט מען אויסבעטען דאָס בעט,

און די קינדער גוט און פיין
לייגען זיך אין בעט אריין.

מאַכען זיי די אויגלעך צו
שלאָפען איין אין גוטער רוה.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
צעהלט זיך טיקטאַק נאָכאַנאַנד.

און אַז קינדער שלאָפען איין,
קריכט דער שלאָף צוריק אריין

אונטער בעט אין לאָך פון דיל,
און ער ליגט דאָרט שטיל, שטיל, שטיל.



האָבען אלע שוין אָפּגעגעסען — און די האַלבע נאַכט קומט אָן —

דער שלאָף

און אַ זיינער אויף אַ וואַנט
צעהלט זיך טיקטאַק נאָכאַנאַנד.

ליגט דער שלאָף אין לאָך אַזוי,
ליגט אַ שעה און ליגט זיך צוויי.

און אַז מאַמעס ווערען מיד, —
געהען אום מיט מידע טריט,

האָבען אַלץ שוין אָפּגעטאָן —
און די האַלבע נאַכט קומט אָן —

און אין פענסטער מיט איהר שיין
די לבנה קוקט אריין —

קריכט דער שלאָף פון לאָך אַרויס,
שאַרט זיך ביי די ווענט פון הויז

קריכט אין שיין פון לאָמפּ אַריין,
רויטט פון שיין צו מאַמעס איין:

דער שלאָף

„דאַרפֿט איהר מאָרגען אויפֿצושטעהן,
צײַט שוין איצטער שלאָפֿען געהן.“

זעהען מאַמעס אַז ס'איז שפּעט,
לייגען זיך אַריין אין בעט,

לעשען זיי די לאַמפּען אויס.
און אַז פֿינסטער ווערט אין הויז

מאַכען זיי די אויגען צו,
שלאָפֿען איין אין גוטער רוה.

און אַז מאַמעס שלאָפֿען איין —
קריכט דער שלאָף צוריק אַריין

אונטער בעט, און לאָך פֿון דיל,
און ער ליגט דאָרט שטיל, שטיל.

און אַ זייגער אויף אַ וואַנט
צעהלט זיך טיקטאַק נאָכאַנאַנד,

און אין פענסטער טוט איהר שוין די לבנה קוקט אריין.

דער שלאָף

און אין פענסטער מיט איהר שיין
די לבנה קוקט אריין.

און מיין מעשה'לע פון שלאָף
איז שוין איצטער ביי איהר סוף.

ביכער פאר שולען און דערציהונג

ארויסגעגעבען פון

מייזעל׳ס פערלאג

ראזשינקעס מיט מאנדלען

(מעשה׳לעך פאר אידישע קינדער)

1. יהודה שטיינבערג

1. שמעון, איך זאל אזוי לעבען.
2. די פארשאלטענע פרינצעסין.
3. די געפאנגענע כלה.

פרייז 15 ס.

2. יהודה שטיינבערג

1 א מעשה מיט א פירשט —
2. דער געשלאגענער איגעל. —
3. פליגען שריפט. — 4. א רייכנער געוויסען.—5. די שולע.

פרייז 15 ס.

3. יהודה שטיינבערג

1. פראגען.—2. שמואל מילנער. — 3. א מעשה מיט צווי ברידער.—4. רויזען און שמאראגדען.

פרייז 15 ס.

4. יהודה שטיינבערג

1. צווי מאגערען.—2. די ניט פארענטפערטע קשיות. — 3. דא התמוד. — 4. א רוגז.

פרייז 15 ס.

5. יהודה שטיינבערג

1. חמשה עשר אויבס. 2. די בייטלען און גלות.

פרייז 15 ס.

6. —

1. בן־עמי: פייוועל דער גרויסער און פייוועל דער קליינער.
2. ד. סלוצקי: די ערד דרעהט זיך ניט. פרייז 15 ס.

ש. דובנאוו: אידישע געשיכטע פאר שולע און זעלבסטבילדונג.

באנד I: ביבלישע עפאכע. 256 זייטען. פראכטפאל געבונדען — $1.00

באנד II: מאקאבייאישע און תלמודישע עפאכע — $1.00

באנד III: דער מיטעלאלטער און די נייע צייט — $1.00

מ. ווארשאווסקי׳ס יודישע פאלקסלידער, געב. — — $1.25

" מוזיק צו ווארשאווסקי׳ס לידער, בראשירט — — 60 ס.

ה. ליבערמאן: די אידישע רעליגיאן און דער נאציאנאל־ראדיקאלער ערציהונג, בראש. 10 ס.

ה. ליבערמאן: די אידישע ערציהונג אין אמעריקא, בר. 20 ס.

ה. ספענסער: דיערציהונג, גייסטיג מאראליש און קערפערליך, רייך געב. — $1.25

י. ענטין און ל. עלבע: פון אידישען קוואל, א אידיש לערנבוך און חרעסטאמאטיע פאר שול און הויז, מיט 43 בילדער און פארבען, 306 זייטען; געב. — — — — $1.00

פאלשטענדיגער קאטאלאג געשיקט פריי.

שולען קריגען א גרויסען ראבאט

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער און ביים פערלעגער

MAX N. MAISEL. 424 GRAND STREET. NEW YORK.

באַלאַדן און לידער